בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית

273

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעטְן אוֹיף עֶפֶּעס וָואס אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ סְ'אִיז גוּט פַאר מִיר?........א

עֶס שְׁטֶערְט מִיר וֶוען מַיין וַוייבּ קַייעֶט הוֹיךְ, וָואס טוּ אִיךְ? ................................ג

אִיךְ צִיטֶער אַז אִיךְ וֶועל דוּרְכְפַאלְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן?......................ד

וֶוען עֶנְטְפֶערְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קְלָאר וָואס צוּ טוּן אוּן וֶוען נִישְׁט?......................ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵּים שַׁ"ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים ..............................א

"שְׂפָתַי תִּפְתָּח"; אַ שֵׁיינֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיף סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ..................ג

אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז מְכַבֵּד דֶעם מַאן, נִישְׁט אִים מְחַנֵּךְ ..........................................ד

מֶען דַארְף רֶעדְן שְׁטַייטְלִיךְ אוּן וֵוייךְ; דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ פּוֹעֵל'ן ..............................ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר זָאלְן אִים דִינֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ...........ז

דִי קִינְדֶער וֶועלְן בַּאֵיינְפְלוּסְן דִי עֶלְטֶערְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן ..............................ט

מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן בְּגוּף וָנֶפֶשׁ......................................................י

קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ פַארְרֶעכְטְן .....................................................י

מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּנְז מְתַקֵּן צוּ זַיין, כָאטְשׁ סְ'אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה................... יא

מֶען זִיצְט בַּיים צִיּוּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.....יב

לָאז וִויסְן פַאר דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן ..............................יד

צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ ................................טו

אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן .................................................... טז

אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מִיטְאַרְבֶּעטְן מִיט דִי חַבְרֵי הַהַנְהָלָה.............................. יח

מֶען דַארְף הָאבְּן פְּרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן דִי קְהִלָּה .......................... יח

וִוי מֶער אִינְגֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן אַן אַמְט אִין דִי קְהִילָה אָדֶער מוֹסָד ..................... יט

זָאלְסְט מַאכְן פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת .................................................... כ

אַזַא הֶערְלִיכֶע גָארְטְן הָאט אִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר'ן אֵייבֶערְשְׁטְן ..................... כא

טַעֲנָה'עֶן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער ..................... כב

מֶען מֶעג דַאוְוענֶען אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען .................................................... כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעטְן אוֹיף עֶפֶּעס וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ ס'אִיז גוּט פַאר מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר מִיר אוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן בָּרוּךְ ה' אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ בֶּעטְן אַלֶעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל נָאר פְרֶעגְן אֵיין זַאךְ, צוּמָאל קֶען אִיךְ בֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ, אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער ווִיסְן אוֹיבּ דִי זַאךְ אִיז טַאקֶע גוּט פַאר מִיר? אֶפְשָׁר וֶועט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס טַאקֶע גֶעבְּן צוּם סוֹף, אָבֶּער דִי זַאךְ אִיז לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גוּט פַאר מִיר?

לָאמִיר זָאגְן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ קַאר, אִיךְ בֶּעט פַאר דֶעם גָאר אַסַאךְ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ קַאר וֶועט מֶען מִיר עֶס צוּ'גַנְבְ'עֶנֶען, אוּן דֶערִיבֶּער גֶעבְּט עֶר מִיר נִישְׁט נָאךְ דִי תְּפִלָּה, אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין קַאר, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ, וֶוערְט מַיין תְּפִלָּה יָא גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּם סוֹף אוּן אִיךְ בַּאקוּם דִי קַאר, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ אִיז דָאס נִישְׁט גוּט פַאר מִיר.

דִי זַאךְ מַאכְט מִיר אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעט אוֹיף זַאכְן אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר אוּן וָואס נִישְׁט?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַלֵיינְס דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ - שְׁמוּעֶסְט מֶען דָאס אוֹיךְ אוֹיס: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי זַאךְ, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר - זָאל אִיךְ דָאס נִישְׁט וֶועלְן וְכוּ׳״.**

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַמָאל אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וִוי עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר דַארְף גוּטֶע וַוארֶעמֶע שְׁטִיוְול. עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר ווינְטֶער, אוּן אִין אוּקְרֵיינָא - וֶוער עֶס אִיז בַּאקַאנְט - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר קַאלְט. דֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שְׁטִיוְול אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלְט צוּ קוֹיפְן שְׁטִיוְול, הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁטִיוְול, עֶס קוּמְט יֶעצְט אַ פְּרָאסְטִיגֶע ווינְטֶער, אִיךְ דַארְף הָאבְּן שְׁטִיוְול, אוּן אוֹיבּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר צוּ הָאבְּן שְׁטִיוְול - שַׁיין אַרַיין אִין מִיר אַז אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט דַארְפְן, שַׁיין אַרַיין אִין מִיר אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט וֶועלְן״.

דִי מַעֲלָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט: ״וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט מִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ׳נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן׳, אוּן אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט ׳אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט׳״.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן ווַייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, ווַייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר, וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### עֶס שְׁטֶערְט מִיר וֶוען מַיין ווַייבּ קַייעֶט הוֹיךְ, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶערְן וִוי אַזוֹי אַ צְוֵוייטֶער עֶסְט. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן עֶסְן מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל אוּן עֶס מַאכְט אַ גֶערוּדֶער וָואס מַאכְט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ נֶערְוֶועז. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אֲפִילוּ דָא אַ נָאמֶען אוֹיף דֶעם פְּרָאבְּלֶעם...

מַיין עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מַיין ווַייבּ מַאכְט אוֹיךְ אַ גֶערוּדֶער בַּיים עֶסְן, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ דַארְף אַסַאךְ מָאל אַוֶועקְגֵיין פוּן טִישׁ צוּלִיבּ דֶעם, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט: "אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם"; אַנְדֶערֶע וָואס

הָאבְּן דִי פְּרָאבְּלֶעם וֶועלְן נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם", זֵיי וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן: "מַיין וַוייבּ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם זִי עֶסְט הוֹיךְ", "מַיין מַאן הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם עֶר קֵייט הוֹיךְ"; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם און מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט דִי אַרוּמִיגֶע.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר צוּ הֶערְן יֶענֶעם עֶסְן אוֹיפְ'ן קוֹל, אַזוֹי וֶועט זִי פְּרוּבִּירְן צוּ עֶסְן שְׁטִיל, זִי וֶועט פַארְמַאכְן אִיר מוֹיל בַּיים קֵייעֶן, און אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוערְן וֶוען דוּ גֵייסְט אַוֶועק פוּן טִישׁ וֶוען זִי עֶסְט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן. דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ קָאפּ, אַ נֵייעֶ שֵׂכֶל, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִמְיוֹן. זַאכְן וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶערְן - שְׁטֶערְט מֶער נִישְׁט, זַאכְן וָואס פְלֶעגְט נֶערְוֶועז מַאכְן - מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט נֶערְוֶועז; עֶס אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ וִוי דָאס הֵיילְט אוֹיס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאכְן. תְּפִלָּה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם טָאג נָאךְ טָאג - וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאכְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִיךְ צִיטֶער אַז אִיךְ וֶועל דוּרְכְפַאלְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס מִיטְשֶׁעט מִיר שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט. אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה' אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ, אִיךְ הָאב זִיךְ

אָפְּגֶעלָאזְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער אִיךְ פַאל נָאכְאַלְץ דוּרְךְ צוּמָאל בַּיינַאכְט מִיט מִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען, אִיךְ הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן וִויפִיל אִיךְ קֶען, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הִיטְן מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען; אָבֶּער נָאכְאַלְץ פַאל אִיךְ אַרָאפּ.

דָאס עֶרְגְסְטֶע אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען בַּיי מִיר וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעשׁוֹידֶערְט אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן גֶעלָאפְן צוּם צִיּוּן אוּן גֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אָבֶּער זַייט דֶעמָאלְט הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, יֶעדֶע נַאכְט צִיטֶער אִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אֶפְשָׁר אַרָאפְּפַאלְן, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ מַמָּשׁ צֶעדְרֵיידְט.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז דִי עֵצָה פַאר "אָה סִי דִי" אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן דִי מַחֲשָׁבָה, נָאר מִיטְפָּארְן מִיט דֶעם, לְמָשָׁל אַז מֶען טְרַאכְט אַז דִי טִיר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן זָאל מֶען מִיטְפָּארְן מִיט דֶעם אוּן טְרַאכְטְן אַז ס'אִיז טַאקֶע אָפְן אוּן ס'אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער בַּיי מַיין פְּרָאבְּלֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט מִיטְגֵיין מִיט דִי מַחֲשָׁבָה, אִיךְ וִויל דָאךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אוֹיסְגְרֶאדְן מַיין מֹחַ, אוּן מִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ הָאב צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תח): ״אִיךְ קֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארֶעכְטְן אֲפִילוּ דִי וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶען אִיךְ זֵיי נִישְׁט פַארֶעכְטְן״; אוּן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט אוּן גֶעזָאגְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים צִיּוּן - הָאסְטוּ פַארְרָאכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר אִין אוּמַאן, דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיז): "מַה שֶּׁמְּבַלְבֵּל אֶת הָאָדָם, כְּשֶׁנִּכְנָס לִקְדֻשָּׁה גְּבוֹהָה", דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קוּמְט צוּ אַ הֶעכֶערֶע דַּרְגָּא, "כְּגוֹן כְּשֶׁמִּתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת וְכַיּוֹצֵא", וֶוען עֶר קוּמְט צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק, "אֲזַי דַּיְקָא יִקְרֶה לוֹ מִקְרֶה בִּלְתִּי טָהוֹר, חַס וְשָׁלוֹם", דֶעמָאלְט פַּאסִירְט מִיט אִים אַז עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין מִקְרֶה לַיְלָה חַס וְשָׁלוֹם. "צָרִיךְ לָדַעַת", וִויסְן זָאלְסְטוּ, "כְּשֶׁהָאָדָם נִכְנָס לִקְדֻשָּׁה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרַיין שְׁטֶערְקֶער אִין דִי קְדוּשָּׁה, "מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע בְּיוֹתֵר", דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אוֹיף אִים אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער, "כִּי כָל מַה שֶּׁנִּכְנָס בִּקְדֻשָּׁה יוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען וֶוערְט הֵיילִיגֶער, "יֵשׁ לוֹ בְּכָל פַּעַם יֵצֶר הָרָע חָדָשׁ גָּדוֹל מִבַּתְּחִלָּה", אַלְץ קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶערְקֶער.

"וּבֶאֱמֶת הַבִּלְבּוּל הַזֶּה שְׁטוּת", נִישְׁטָא וָואס צוּ צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן דֶעם, וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, "אִם יִקְרֶה לוֹ מֵחֲמַת הִרְהוּר, מִי חַיָּב בָּזֶה", אוֹיבּ הָאט דָאס פַּאסִירְט פוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - אִיז דָאךְ נִישְׁטָא וֶועם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אַז מֶען טְרַאכְט שְׁלֶעכְט פַּאלְט מֶען אַרָאפּ, "וְאֵין לוֹ לְהִתְרָעֵם כְּלַל", קֶענְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם, "מֵאַחַר שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ גָּרַם לוֹ", וַוייל דוּ הָאסְט דָאס אַלֵיינְס גוֹרֵם גֶעוֶוען. "וְאִם אֵינוֹ מֵחֲמַת הִרְהוּר, אֲזַי בְּוַדַּאי אֵינוֹ סִימָן רַע כְּלַל", הָאט דָאס פַּאסִירְט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס? אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, "כִּי אִם הָיָה עִנְיָן רַע, לֹא הָיוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה נוֹתְנִין אוֹתוֹ לְסִימָן יָפֶה לְחוֹלֶה", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ - וָואלְטְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דֶער זַאךְ פַּאר אַ גוּטֶע סִימָן פַּאר אַ חוֹלֶה. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נז:) קֶרִי אִיז אַ סִימָן יָפֶה פַּאר אַ חוֹלֶה.

"וּבֶאֱמֶת", נָאר וָואס דֶען? "אַדְּרַבָּא, מֵחֲמַת שֶׁנִּתְקָרֵב לִקְדֻשָּׁה גָּבוֹהַ מְאֹד, מֵחֲמַת זֶה נִזְדַּמֵּן לוֹ", דַּיְקָא וַוייל מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֶען אִיז אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה - הָאט דָאס פַּאסִירְט. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים

זָאגְן ״כִּי (תַּעֲנִית ח.): ׳כָּל הַמַּצְדִּיק אֶת עַצְמוֹ מִלְּמַטָּה, מַצְדִּיקִין עָלָיו הַדִּין מִלְּמַעְלָה׳״, וֶוען מֶען הֵיילִיגְט זִיךְ פוּן אוּנְטְן, קוּמֶען דִי מְקַטְרְגִים אוּן זוּכְן ווי זֵיי קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, ״שֶׁנֶּאֱמַר״, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ, יא): ״וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ״; אִיז דָאךְ נִישְׁטָא אוֹיף וָואס צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן, פַארְקֶערְט, וַוייל דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - דֶערִיבֶּער קוּמְט דֶער שָׂטָן אוּן רֵייצְט זִיךְ מִיט דִיר אוּן וְויל דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין נֶערְוֶועז וְכוּ׳. דוּ הִיט זִיךְ פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מַאךְ זִיךְ נִישְׁט קְרַאנְק, וֶוער נִישְׁט קַיין נֶערְוֶועז קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ. נִישְׁט דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם - מוֹרָא הָאבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרָאפְּפַאלְן. מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן טוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער מוֹרָא הָאבְּן פוּן גֵיין שְׁלָאפְן - דָאס אִיז שׁוֹין אַ נֶערְוֶועז זַאךְ, דָאס אַלֵיינְס קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דְרֵיי אוֹיס דַיין קָאפּ אוֹיף טְרַאכְטְן גוּטְס; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: ׳אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ אַרָאפְּפַאלְן?׳ טְרַאכְט: ׳אִיךְ הָאבּ פֵּאוֹת, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד, אִיךְ הָאבּ צִיצִית, אִיךְ טוּ אָן תְּפִילִין׳; דָאס אִיז נִישְׁט זַאכְן פוּן ׳אֶפְשָׁר׳, דָאס אִיז ׳זִיכֶערֶע׳ זַאכְן! ׳אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אִיךְ עֶס כָּשֵׁר׳ס׳. אוּן וֶוען דֶער שָׂטָן שְׁלֶעפְּט דִיךְ אַרַיין צוּרִיק אִין לָאךְ ׳אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ אַרָאפְּפַאלְן?׳ זָאלְסְטוּ זָאגְן: ׳אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַאוֶוען, אִיךְ לֶערְן, אִיךְ בִּין גֶע׳מַל׳עְט, אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת כְּרִמּוֹן׳.

לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, נֶעם אִין בֶּעט אַ סֵפֶר - אַגָּדוֹת חֲזַ״ל אָדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶוען עֶנְטְפֶערְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קְלָאר וָואס צוּ טוּן אוּן וֶוען נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט פַאר אַ טַאטֶע אַז זַיין זוּן פְרֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס צוּ טוּן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט דָארְט אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס מֶען פְרֶעגְט אִים יֶעדֶע זַאךְ.

ווִיל אִיךְ אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, וַוייל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַסַאךְ מָאל אַז וֶוען מֶען פְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס צוּ טוּן דְרֵיידְט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרוֹיס אוּן עֶנְטְפֶערְט יֶענֶעם נָאר בְּעֶרֶךְ וָואס עֶר ווִיל הֶערְן; אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאט מֶען פוּן פְרֶעגְן, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט סַיי ווִי נִישְׁט וָואס מֶען זָאל טוּן?

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר אוֹיסְקְלָארְן דֶעם עִנְיָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא בָּלָק, ח): "בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ, בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ פִירְן - הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי פַּרְשָׁה מִיט בִּלְעָם, אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים קְלָאר גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר כב, יב): "לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם", גֵיי נִישְׁט מִיט זֵיי; עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין שֶׁעלְטְן דִי אִידְן, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי בִּלְעָם ווִיל יָא גֵיין, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קְלָאר פִּינְקְט פַארְקֶערְט (שָׁם, כ): "קוּם לֵךְ אִתָּם", גֵיי יָא מִיט זֵיי; פוּן דָא זֶעט מֶען אַז מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי דִי מְרַגְּלִים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שִׁיקְן מְרַגְּלִים; 'פַארְוָואס דַארְף מֶען שִׁיקְן מְרַגְּלִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּקְן

אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גוּט לַאנְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דָאךְ קְלָאר אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע לַאנְד?!׳ דָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן ווִילְן יָא שִׁיקְן מְרַגְּלִים, דִי אִידְן גְלֵייבְּן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ גוּטֶע לַאנְד, זֵיי ווִילְן שִׁיקְן אוֹיסְשְׁפִּיאָנִירְן אַלֵיינְס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעשִׁיקְט מְרַגְּלִים; ווַייל וִוי אַזוֹי מֶען ווִיל זִיךְ פִירְן - הֶעלְפְט מֶען יֶענֶעם אוּן מֶען גֵייט מִיט יֶענֶעמְ׳ס ווִילְן.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַמָאל, דֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן (עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט עֶר פְרֶעגְט) אַז עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווַייל עֶר הָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דִי קְהִילָּה ווִיל עֶר זָאל בְּלַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט זֵיי, וָואס עֶר זָאל טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעקְרֶעכְצְט פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: ״דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאךְ גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען?!״ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תו): ״אִיךְ דַארְף יֶענֶעם זָאגְן וָואס יֶענֶער ווִיל הֶערְן״; דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַזוֹי אִיז יֶעדֶע מָאל מֶען קוּמְט פְרֶעגְן אַ צַדִּיק אוֹיף אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מֶען קֶען נִישְׁט יֶענֶעם הֵייסְן טוּן דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ, מֶען מוּז יֶענֶעם זָאגְן נִישְׁט צוּ טוּן.

דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קָאנְפְלִיקְט מִיט הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן. מֶען דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן. אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס ווַייזְט אִים וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ תּוֹרָה׳דִיגֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ שִׁידוּךְ טוּן, מֶען זוּכְט אַ גוּטֶער בָּחוּר - אִיז דָאס דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס צוּ קוּקְן, אוֹיבּ דֶער בָּחוּר הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוֹיבּ עֶר פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְסִירַת נֶפֶשׁ זַאכְן - דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן טוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ; מֶען ווַארְפְט רְמָזִים, אוּן אַז יֶענֶער ווִיל טַאקֶע ווִיסְן וָואס צוּ טוּן פַארְשְׁטֵייט עֶר וָואס צוּ טוּן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**הַלְוַואי זָאל עֶר הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן אוּן פָּאלְגְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין - פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים. אַ אִיד קֶען מֶען נָאר זַיין אוֹיב מֶען הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַ וֶועג וַוייזֶער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועם מֶען פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס צוּ טוּן.

זָאג זֵיי דִי וֶוערְטֶער: "מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, מַיין וֶועג וַוייזֶער - אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִיךְ פְרֶעג אִים יֶעדֶע זַאךְ. עֶנְק דַארְפְן נִישְׁט דַוְקָא נֶעמֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר עֶנְקֶער וֶועג וַוייזֶער, אָבֶער דָאס מוּזְן עֶנְק יָא טוּן, עֶנְק מוּזְן הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, עֶנְק מוּזְן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אִים אַלֶעס פְרֶעגְן, אוּן אִים נָאכְגֵיין, צִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יָא אָדֶער נִישְׁט".

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וַוייזֶער. עֶר דְרֵיידְט זִיךְ דָא אִין שְׁטֶעטְל, עֶר דַאוֶוענְט דָא, עֶר טוּט אַלֶעס דָא, עֶס קֶען אֶפְשַׁר זִיךְ דַאכְטְן ווִי עֶר הָאט אַ וֶועג וַוייזֶער, אָבֶער מִיר פְרֶעגְט עֶר נִישְׁט גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס אִיךְ ווִיל, אִיךְ ווִיל עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ. נִישְׁט דַוְקָא עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, דָא אִין יְשִׁיבָה הָאט גֶעלֶערְנְט ...., אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפָּארֶעט מִיט אִים, "כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק" (בַּמִּדְבָּר יא, יב), אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ שִׁידוּךְ, אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּן פְּרוּבִּירְט אִים צוּ הֶעלְפְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

וַיְהִי הַיּוֹם, זַיין וַוייבּ וֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ אִיר ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּ פִירְן (שֵׁיין גֶערֶעדְט), הָאבּ אִיךְ אִים גֶערוּפְן אוּן גֶערֶעדְט צוּ אִים זֵייעֶר שַׁארְף, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן

דַיין וַוייב!" "אַזוֹי פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף וְכוּ'?!" בְּקִיצוּר, עֶר הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרֵייעֶן בַּיי...

קוּמֶען צוּ מִיר דִי בָּחוּרִים דֶערְצֵיילְן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֶערְט? עֶר דְרֵייט זִיךְ הַיינְט בַּיי...", דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס אִיךְ וֶועל רֶעאַגִירְן. זָאג אִיךְ זֵיי: "הַלְוַואי, אִיךְ בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מַיין אַרְבֶּעט זָאל נִישְׁט גֵיין לְרִיק; הַלְוַואי זָאל עֶר זִיךְ מְדַבֵּק זַיין בַּיי..., הַלְוַואי זָאל עֶר אִים פְרֶעגְן אַלֶעס אוּן אִים פָאלְגְן, עֶר פִירְט אַ הֶערְלִיכֶע טִישׁ, עֶר רֶעדְט נָאר וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט, נָאר וָואס דֶען, אִיךְ זָאג דִיר עַבְדָא בְּהֶפְקֵירָא נִיחָא לֵיהּ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ דָארְט, אָבֶּער עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט אוּן פָאלְגְט נִישְׁט".

וְכַךְ הָיָ' הַמַּעֲשֶׂה, אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶע'גֶט, צֶעבְרָאכְן זַיין שְׁטוּב. פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ שְׁטֶעךְ אִין הַארְץ; אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוּן אַלֶעס אִיז צֶעפַאלְן.

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי, נָאר דָאס; אַנְשְׁטָאט זֵיי גֶעבְּן מוּסָר "פַארְוָואס טוּסְטוּ אַזוֹי?" "פַארְוָואס מַאכְסְטוּ אַזוֹי?" זָאלְסְטוּ זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "פְרֶעג דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ", "אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ"; מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז דֶער אוּן דֶער, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער דָאקְטֶער אִיז פַאר דִיר אַ דָאקְטֶער, אָבֶּער אַ דָאקְטֶער דַארְפְסְטוּ הָאבְּן, אַ דָאקְטֶער מוּז מֶען הָאבְּן.

אֲפִילוּ דַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער, זָאלְסְטוּ זֵיי אַלְץ זָאגְן אוּן שְׁטַארְקְן אוּן פְרֶעגְן: "הָאסְט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ?" "הָאסְט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דָאס אוּן דָאס טוּן?" "הָאסְט זִיךְ דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַזוֹי אוּן אַזוֹי אָנְטוּן?"

גֶעבּ אַ קוּק ווִי דִי וֶועלְט גֵייט, וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ שִׁיף וָואס פָארְט אַוֶועק פוּנֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן נָאר דֶער וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַ צַדִיק - דֶער בְּלַייבְּט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ; מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן מְחַזֵק זַיין אוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דָבוּק אִין עֶרְלִיכֶע אִידְן].

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵים שַׁ"ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף דוּ טַאנְצְט יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. גֵיי אַ טֶענְצְל אַפָּאר מָאל אַ טָאג בַּיי דִיר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען שַׁ"ס אוּן מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס!" אַזוֹי זִיצְט חֵייקְל בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן וֵויינְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד, חֵייקְל, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן: "חֵייקְל חַזָן"; עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין זִינְגֶען. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אִים צוּ הֶערְן זִינְגֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן פְלֶעגְט חֵייקְל אַלְץ גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן אַלֶע זַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז מֶען קֶען טַאקֶע אִיבֶּערָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער מֶען אִיז

און וואו מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נָאכְמֶער און שְׁטֶערְקֶער אוֹיס וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק; בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק זֶענֶען דִי הִימְלֶען אָפְן, דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן דָארְט אַרוֹיף זֵייעֶר שְׁנֶעל.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט ווִי חֵייקֶל זִיצְט בַּיים צִיוּן און וֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵים שַׁ"ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אַ הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזִיכְט; רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער און מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא און דָאס עֶנְדִיגְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, וֶוער עֶס ווִיל אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיפְ'ן פָּנִים - זָאל אָנְהוֹיבְּן שַׁ"ס. יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

הוֹיבְּט אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת און זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רֵייעֶ אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין; עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אַבִּיסְל גְמָרָא - אִיז מֶען זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא, און נָאכְדֶעם אוֹיף נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִינְגֶען: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ"ס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזִיכְט".

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן און ווִי אַ אִיד זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי הֶענְט צוּם הִימְל, און פוּן דֶער זַייט אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר מִיט אַ שַׁיינֶעדִיגֶע פָּנִים, עֶס זָאל גֵיין שְׁטְרַאלְן פוּנֶעם פָּנִים.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער; מִיר פָארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם צִיוּן מִיט פוּלֶע הֶענְט; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאסְטוּ מְחַיֶ' גֶעוֶוען און מְעוֹרֵר גֶעוֶוען לִתְשׁוּבָה.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**"שִׂפְתֵי תִּפְתָּח"; אַ שֵׁיינֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיף סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" און "אִישׁ אֱמוּנוֹת".

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיפְ'ן נֵייעֶם פֵּירוּשׁ: "שִׂפְתֵי תִּפְתָּח"; אַ שֵׁיינֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיף סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שְׂפַת הַנַּחַל, דְּרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ און אֲשֶׁר בַּנַּחַל. אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִינֶעם פֵּירוּשׁ, נָאר גֶעטַייטְשְׁט און גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ טַעַם, אַ גֶעפִיל - אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ "שִׂפְתֵי תִּפְתָּח". שִׂפְתֵי הָאט אִין זִיךְ דָאס וָוארְט "שְׂפַת" וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל", און אִין דִי יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען. און וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֶפְנְט דִי מוֹיל מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶוערְט "שִׂפְתֵי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן און אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זָאל מְתַקֵּן זַיין מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ און נְשָׁמָה, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

שְׁטֶעל אוֹיס דֶעם פֵּירוּשׁ אַזוֹי וִוי אַ גְמָרָא, מִיט רַשִׁ"י און תּוֹסְפוֹת פוּן

דֶער זַייט. לֵייג פִיר שׁוּרוֹת פוּנֶעם פֵּירוּשׁ פוּן אוֹיבְּן, אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה, אוּן אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן וְכוּ'.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ שִׁיקְן יֶעצְט דִי צְוֵוייטֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז מְכַבֵּד דֶעם מַאן, נִישְׁט אִים מְחַנֵּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַייעֶר הוֹדָעָה.

אַז אִיר הָאט חִיּוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְט אִיר דָאס נוּצְן פַאר אַייךְ אוּן טַאקֶע לֶעבְּן מִיט דֶעם, אָבֶּער נִישְׁט אַרַיינְשְׁטוּפְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן. מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען אַ צְוֵוייטְן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע מַאן; דִי פְלִיכְט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז 'מְכַבֵּד זַיין' דֶעם מַאן אוּן אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוֹיף זַיין וֶועג, נִישְׁט אִים 'מְחַנֵּךְ זַיין' אוּן אִים מַאכְן שְׁפִּירְן ווִי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל.

אַ פְרוֹי וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט דֶער שַׁארְפְסְטֶער אוּן נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם, אוֹיבּ אִיז זִי אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי - וֶועט זִי מִיט אִיר חָכְמָה אִים מַאכְן שְׁפִּירְן ווִי עֶר אִיז קְלוּג אוּן אִים מַאכְן דֶער טְרָאן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. אוֹיף אַזַא פְרוֹי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי יב, ד): "אֵשֶׁת חַיִל", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ", דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט "כְּלִילָא לְבַעֲלָהּ", זִי אִיז אַ קְרוֹין פַאר אִיר מַאן; מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט: "אֵשֶׁת חַיִל", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ", אִיר מַאן - אִיז אִיר קְרוֹין, אִיר מַאן אִיז דִי קְרוֹין פוּן אִיר לֶעבְּן, אִיר מַאן אִיז דֶער קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער מַאן אִיז דֶער מַחְלִיט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דֶער מַאן אִיז דֶער פָאן טְרֶעגֶער.

אַ נִישְׁט קְלוּגֶע פְרוֹי, וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט

דֶער שַׁארְפְסְטֶער און נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם - וֶועט טוּן דָאס פַּארְקֶערְטֶע; זִי וֶועט אִים טְשֶׁעפֶּען, אִים דֶערְנִידֶערְן און מַאכְן זִיכֶער אַז יֶעדֶע שְׁכֵנָה און יֶעדֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסְט אַז אִיר מַאן אִיז אַ נַאר, און שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער וֶועט זִי מַאכְן זִיכֶער אַז יֶעדֶע קִינְד און אֵיינִיקְל זָאל וִויסְן אַז דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דֶער זֵיידֶע הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; אוֹיף אַזַא פְרוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי, שָׁם): "וּכְרָקָב בְּעַצְמוֹתָיו", אַזוֹי וִוי אַ וָוארֶעם וָואס בַּייסְט אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, "מְבִישָׁה", אַזוֹי אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הֶערְט אוֹיף זִינְגֶען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם נִיגוּן: "מַיין מַאן אִיז אַ נַאר", "מַיין מַאן אִיז אַ טִיפֵּשׁ", "מַיין מַאן הָאט מִיט דִי נֶערְוֶוען"; נָאכְן זִינְגֶען אַזַא נִיגוּן וֶועט אַייךְ נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן, קֵיינֶער וֶועט אוֹיף אַייךְ נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן; אֶפְשָׁר בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, וֶוען מֶען קֶען הֶערְן אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרָע - וֶועלְן מֶענְטְשְׁן אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער נָאכְן שְׁמוּעֶסְן - קוּקְט מֶען אַרָאפּ אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אֵיינֶעם וָואס קְרֶעכְצְט נִישְׁט, מֶען הָאט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס זֶעט נָאר דָאס גוּטְס פוּן לֶעבְּן.

נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ, לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, און אַייעֶר מַאן זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין און אִים זַיין גֶעטְרֵיי. אַז עֶר דַארְף שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אִין דִי אֵייעֶר, רוֹיעֶ צְוִויבְּל - זָאלְט אִיר אִים אַרַיינְשְׁנַיידְן גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע שְׁטִיקֶער רוֹיעֶ צְוִויבְּל. עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר מִצְוָה אִים צוּ מְחַנֵּךְ זַיין וְכוּ', נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסה) מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין צְוִויבְּל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; אִיר קֶענְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַייךְ, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיפְצְווִינְגֶען אוֹיפְ'ן מַאן וֶוען עֶר הָאט זַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בְּנוֹגֵעַ אַז עֶר ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט לֶערְנֶען גִלְיוֹנוֹת און קוּנְטְרֵסִים פוּן רֶבִּי'ן; דָאס זָאלְט אִיר טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, פוּן אֵיין זַייט אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נִישְׁט זִיךְ רֵייצְן חַס וְשָׁלוֹם; עֶס אִיז דָא גֶענוּג צַייט אִין טָאג וֶוען מֶען קֶען זִיךְ מְחַיֶּה' זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אָן טְשֶׁעפֶּען דֶעם מַאן.

בַּאנוּצְט אַייךְ מִיט אַייעֶר גֶעוֶוער, מִיט תְּפִלָּה; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין צַדִיקִים, אַלֶע זָאלְן זַיין דָבוּק צוּם בַּאשֶׁעפֶּער; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַיינְבֵּייגְן מַיין קָאפּ פַאר דִיר. אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיין לֶעבְּן - אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען. אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ; אִיךְ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס - פוּן דִיר".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר מְנַצֵּחַ זַיין דִי מִלְחָמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען דַארף רֶעדְן שְׁטַייטְלִיךְ אוּן וֵוייךְ; דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ פּוֹעֵלְ'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מֶען קֶען נִישְׁט הֵייסְן אַ וַוייבּ וָואס צוּ טוּן; אַז זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן - קֶען מֶען אִיר נִישְׁט הֵייסְן אוּן בַּאצְווִינְגֶען.

מֶען קֶען אָבֶּער שֵׁיין רֶעדְן אוּן אִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר; קֶענְסְט אִיר וַוייזְן דִי הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט פַאר פְרוֹיעֶן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי' אַ

קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ׳דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳ אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. ׳וְאִתְּתָא דַאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ׳ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳ אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. ׳מַאן גָּרִים דָא?׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳ דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס"; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט; מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ שְׁטַארְק, מֶען דַארְף רֶעדְן שְׁטֵייטְלִיךְ אוּן וֵוייךְ; דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ פּוֹעֵל'ן.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ וַוארְטְן בִּיז זִי וֶועט דָאס טוּן מִיט אִיר גַאנְצֶע הַארְץ, וִוי אֵיידֶער צוּ מַאכְן דְּחִיקַת הַשָּׁעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר זָאלְן אִים דִינֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ פִּירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז מַדְרִיךְ

גְעוֶוען, אָן קַיין חוּמְרוֹת, אָן קַיין פְּרִישׁוּת; גֶעב אַכְטוּנְג נִישְׁט פַארְפֶעלְן דַיין פְלִיכְט אִין שְׁטוּב וְכוּ׳. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן יג) אוֹיבּ מֶען פַארְפֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ דִי פְלִיכְט אוּן דִי וַוייבּ הָאט פוּן דֶעם צַעַר - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן, (כְּתוּבּוֹת סב:) רָבָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רַב רְחוּמִי, אֵיינְמָאל הָאט רַב רְחוּמִי זִיךְ פַארְלֶערְנְט אוּן נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען, זַיין וַוייבּ הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט: "הַשְׁתָּא אָתִי", יֶעצְט קוּמְט עֶר שׁוֹין: "הַשְׁתָּא אָתִי", יֶעצְט קוּמְט עֶר שׁוֹין, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען. עֶס הָאט אִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, "אַחִית דִמְעָתָא מֵעֵינָהּ", זִי הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ טְרֶער פוּן אִירֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ, עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט גֶעבְּן אִין שְׁטוּב וָואס מֶען אִיז מְחוּיָב, עֶס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ.

מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי סָארְט עֲבוֹדוֹת פוּן פְּרִישׁוּת, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען 'לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, "בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", אָן קַיין חָכְמוֹת, "וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן מֶען זָאל קוּקְן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט, אוֹיבּ דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִילְיָאנֶען מַלְאָכִים, שְׁטִיקֶער פֵייעֶר וָואס דִינֶען אִים, דָאךְ וַויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זָאלְן אִים דִינֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר מֶער בִּפְרָטִיּוּת פָּנִים בְּפָנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## די קִינְדֶער וֶועלְן בַּאאֵיינְפְלוּסְן די עֶלְטֶערְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר די עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה מֶען זָאל אַרוֹיסְוַואַרְפְן די קִינְדֶער פוּן חֵדֶר וָואס די עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ טֶעלֶעוִויזְיֶע: "אִיךְ שִׁיק נִישְׁט אַרוֹיס די קִינְדֶער, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ הָאבְּן די קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; אָדֶער וֶועלְן די קִינְדֶער בַּאאֵיינְפְלוּסְן די עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָדֶער וֶועלְן די עֶלְטֶערְן אַרוֹיסְנֶעמֶען די קִינְדֶער"; וְכַךְ הֲוָה, צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער זֶענֶען הַיינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן נָאר וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען די קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן די הֵיילִיגֶע רֵיינֶע חִינוּךְ.

אַזוֹי אִיז בַּיי אוּנְז; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְאַלְץ קִינְדֶער וָואס די עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאנְס אוּן קָאמְפְּיוּטֶערְס אִין שְׁטוּבּ, מִיר לֵייגְן אַרַיין אִין די קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, סַיי בַּיי די אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי בַּיי די מֵיידְלֶעךְ, אוּן עֶס אִיז דָא אַן הַבְטָחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל גֵיין רֶעדְן צוּ די אִידְן - אַז אִידְן וֶועלְן אָנְנֶעמֶען וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי.

די מְלַמְּדִים דַארְפְן וִויסְן, וֶוען קִינְדֶער רוּפְן זִיךְ אָן 'מִיר הָאבְּן גֶעקוּקְט ווִי מֵיידְלֶעךְ טַאנְצְן' דַארְף דֶער מְלַמֵּד רֶעדְן צוּ די קִינְדֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם: "מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן מֵיידְלֶעךְ זִינְגֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן", אוּן אַז די קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן צוּרִיק: "מַיין טַאטֶע קוּקְט, מַיין טַאטֶע הֶערְט!" דַארְף דֶער מְלַמֵּד אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בַּארֶעדְן די עֶלְטֶערְן, אָבֶּער די וֶוערְטֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם דָאס זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת; די מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף דִיר גֶעבְּן מֶער כֹּחַ אַרַיינְצוּלֵייגְן אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָּׁה אִין די קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן בְּגוּף וָנֶפֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע זִינְד, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן בְּגוּף וָנֶפֶשׁ.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת, מִשְׁנָה אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ. מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, מֶען בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

**קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ פַּארְרֶעכְטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָאר אוֹיף אוּמַאן; וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע? דוּ אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְסְט וִוי דֶער רֶבִּי טוֹישְׁט דַיין לֶעבְּן; דַיין שְׁטוּב, דַיין וַוייבּ - אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טוֹישׁ צוּם גוּטְ׳ן פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ קֶענְסְט מְתַקֵּן זַיין, דִי חֵלֶק פוּן דִי חִלוּל הַשֵּׁם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט מְתַקֵּן זַיין וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נַשְׂגַ״ז רַחֲמָנָא לִצְלָן; קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ מְתַקֵּן זַיין. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט,

עז, צ, קה, קלז, קנ] און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ פַארְרֶעכְטְן; בִּפְרַט אַז מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה – אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּנְז מְתַקֵּן צוּ זַיין, כָאטְשׁ סְ'אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אַ סַכָּנָה צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן. יֶעדֶע יָאר קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט אַ נֵייעֶ מַעֲשֶׂה; פַארְיָאר הָאט עֶר יֶעדְן דֶערְשְׁרָאקְן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט נֶעמֶען דִי וַואקְסִין וֶועט מֶען שְׁטַארְבְּן און מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן מֶער קַיין קִינְדֶער, שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ יָאר פון זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה – אַלֶע הָאבְּן קִינְדֶער און אַלֶע לֶעבְּן; דִי יָאר קוּמְט עֶר מִיט אַ נֵייעֶ מַעֲשֶׂה, אַז עֶס אִיז אַ

סַכָּנָה וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, עֶס אִיז נָאר צוּ אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

טַעֲנָה'עֶט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן דֶעם, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן הָאט אַ גֶעפִּיל צוּם צַדִּיק. דִי יָאר הָאבְּן דִי מִתְנַגְּדִים נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אַלֶע יָארְן שְׁפֶּעט מֶען פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, מֶען זָאגְט: "מֶען טוּט זִיךְ וָואס מֶען וִויל אוּן מֶען פָארְט זִיךְ אוֹיף אוּמַאן"; דִי יָאר זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ פָאלְגְן אַ צַדִּיק, דִי יָאר אִיז דִי נְסִיעָה אַ שְׁוֶוערֶערֶע, מֶען קֶען נִישְׁט פָארְן גְלַייךְ קַיין אוּקְרֵיינָא, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁלֶעפְּן מִיט אַ בַּאן אָדֶער קַאר פוּן אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, דָאךְ פָארְן מִיר צוּם רֶבִּי'ן דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז מְתַקֵּן זַיין.

אִיךְ רָאט אַייךְ אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין נַייעֶס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מֶען זִיצְט בַּיים צִיוּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען, דוּ זָאלְסְט הַיינְט אַרַיינְרוּפְן אִין אָפִּיס פְּרֶעגְן וִויפִּיל דַיין בַּאלַאנְס אִיז; אִיךְ גֵיי נִישְׁט וַוייטֶער בִּיז וִוי לַאנְג אַלֶע צָאלְן אוֹיס זֵייעֶר שְׂכַר לִימּוּד פוּן אַלֶע יָארְן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט וָואס מֶען טוּט מִיט מִיר; בְּרֶענְג מִיר נָאךְ אַ מוֹסָד וָואס בֶּעט אַזוֹי וֵויינִיג שְׂכַר לִימּוּד, אוּן דִי בִּיסְל שְׂכַר לִימּוּד מַאכְט מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג; פַארְוָואס?!

שְׂכַר לִימּוּד אִיז נִישְׁט קַיין מִילְּתָא דִבְדִיחוּתָא, שְׂכַר לִימּוּד אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע! דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זָאלְן וֶוערְן בַּאצָאלְט אִין צַייט, זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אָן קַיין לַחַץ.

דִי גֶעלְט וָואס מֶען צָאלְט פַאר שְׂכַר לִימּוּד - קוּמְט צוּרִיק בְּדֶרֶךְ נֵס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וִויפִיל גֶעלְט דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט פַארְדִינֶען דֶעם יָאר, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת, וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה", חוּץ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן פַאר שְׂכַר לִימוּד, "שֶׁאִם פּוֹחֵת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", אוֹיבּ צָאלְט מֶען נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד, בַּאקוּמְט מֶען וֶוענִיגֶער גֶעלְט, אוּן אוֹיבּ צָאלְט מֶען שְׂכַר לִימוּד, בַּאקוּמְט מֶען בְּדֶרֶךְ נֵס נָאךְ גֶעלְט.

אוֹיף דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז דָא אֵיין עֵצָה, גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵיי זִיבֶּעצִיג קוֹלוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו): **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, אִיךְ וֶועל פַארְבְּרֶענְט אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיךְ וֶועל פַארְבְּרֶענְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער"**; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן זִיבֶּעצִיג מָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אֵיינְמָאל מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי פְּלָאנְטֶער - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מִיר פָארְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים. בִּיז דֶערְוַוייל הֶערְט מֶען גְרוּסְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען שׁוֹין דָארְט אִין אוּמַאן, זֵיי זָאגְן וֶועגְן דִי מִלְחָמָה אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ; אוֹיבּ מֶען הֶערְט נֵייעֶס - אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען וַוארְפְט זִיךְ פַאר שְׁרֶעק, אוּן אוֹיבּ מֶען קוּקְט נֵייעֶס - קֶען מֶען זֶען אִין אוּמַאן וִוי עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט זֶען אִין גַאס, מֶען קֶען עֶס זֶען אִינֶעם קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן, אוּן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין נֵייעֶס אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס - זֶעט מֶען נִישְׁט קַיין מִלְחָמָה, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ מִלְחָמָה; מֶען זִיצְט בַּיים צִיּוּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

פַּאק זִיךְ אַיין אַ וַוייסֶע קִיטְל אָדֶער אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, מִיר פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע.

פַּאק אַיין דַיין שְׁטְרַיימְל, גֵיי נִישְׁט אִין קַיין קַטְנוּת הַדַעַת; רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע אוּן יוֹם טוֹב׳דִיגֶע קְלֵיידֶער.

קוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ אָדֶער גֶעבּ אִיר גֶעלְט; אִיךְ גֶעבּ גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אַז דִי וַוייבּ לָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן - אִיז מֶען גְלִיקְלִיךְ. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מִיר אַלְץ זָאגְן: ״דוּ וֵוייסְט וִוי גְלִיקְלִיךְ דוּ בִּיסְט אַז דַיין וַוייבּ קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, דוּ וֵוייסְט וִוי גְלִיקְלִיךְ דוּ בִּיסְט אַז זִי לָאזְט דִיךְ פָארְן״; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר; מִי יִתֵּן אַז דוּ קֶענְסְט מִיט הַאלְטְן יֶעדֶע וָואךְ דִי שִׁיעוּר, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת אֵיינְס אַזֵייגֶער אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### לָאז וִויסְן פַאר דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? אוּן פוּן וֶועם אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן?! אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן - בִּיסְטוּ אַ גֶעוִוינֶער, אַלֶעס אוֹיסֶער דֶעם אִיז שׁוֹין אַ בָּאנוּס, אַז דַיין וַוייבּ שִׁיקְט דִיר צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וָואס נָאךְ דַארְפְּסְטוּ?

טוּ וָואס דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר. מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ הָאט מִיר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ גֶעבֶּעטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר אוּן דִי צְוֵוייטֶע יָאר - אִיךְ זָאל מֶעלְדְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיךְ פָאר, זִי זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין שְׁוֶוער אִיז אַ אִיד אַ צַדִּיק (מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים), עֶר הָאט זִיךְ שֵׁיין גֶעזֶעגְנְט אוּן מַיין וַוייבּ אִיז דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן, בִּיז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז שׁוֹין גֶענוּג גְרוֹיס אַז מִיר נֶעמֶען שׁוֹין אַרַיין אַנְדֶערֶע גֶעסְט.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, דוּ זָאלְסְט מֶעלְדְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן אוּן דַאנְק זֵיי פַארְ'ן אַרַיינְגֶעמֶען דַיין וַוייבּ. דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן. אוּן אַז דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער נֶעמֶען זִיךְ אוֹיף דַיינֶע בֵּיינֶער, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן זִידְלֶען דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן; בְּלַייבּ שְׁטִיל, הֶער אוֹיס אוּן זַיי מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת.

דוּ וֵוייסְט וִויפִיל אִינְגֶעלַייט וֶוערְן קְרַאנְק יֶעדֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זֵיי וִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דִי וַוייבּ זָאגְט זֵיי 'אוֹיבּ אוּמַאן - קוּמְט אַ גֶט', זֵיי וֶוערְן קְרַאנְק; זֵיי וִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ תִּיקוּן, זֵיי וִילְן זוּכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, אוּן דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס - דָאס גֵייט אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן שְׁוַואכֶע פְרוֹיעֶן, וַהֲוָה מַה דַּהֲוָה. דֶערִיבֶּער אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר פָארְן קַיין אוּמַאן - מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ.

מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֶרֶב רַב אוּן מִיר בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם, אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטִיצֶע אִיז פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן צוּ דִי מוֹסְדוֹת.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אַגַב, דַיין שִׁידוּךְ אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן פַארְיָאר בַּיים רֶבִּי׳ן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט, מֶען פָּארְט שׁוֹין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פֶּעקְל צָרוֹת; יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט אַז זַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען דִי עֶרְגְסְטֶע, אָבֶּער דִי וֶועלְט זָאגְט: ״וֶוען מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי אוֹיסְוַואל אַרָאפְּצוּלֵייגְן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת אוּן נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְנְ׳ס - וָואלְט מֶען צוּרִיק גֶענוּמֶען דִי אֵייגֶענֶע פֶּעקְל צָרוֹת״; מוֹהֲרַ״ש זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט: ״וֶוען מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן דִי אוֹיסְוַואל אַרָאפְּצוּלֵייגְן מַיין פֶּעקְל אוּן נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְנְ׳ס, וָואלְט אִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט מַיין פֶּעקְל אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט אָן נֶעמֶען יֶענֶעמְ׳ס, אוּן אָן צוּרִיק נֶעמֶען דִי אֵייגֶענֶע״; אוּן מוֹהֲרַ״ש זָאגְט: ״דָאס אִיז אוּמַאן; מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן אַרָאפְּצוּלֵייגְן דִי פֶּעקְל צָרוֹת בַּיים צַדִיק אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן״.

מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, מִיר דַארְפְן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען: ״בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה!״ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז אוּן פָּארֶעט זִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע תִּיקוּנִים; מִיר וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ קֶענֶען מְתַקֵן זַיין אַ טֵייל פוּן וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵן זַיין, מִיר וָואלְטְן גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, אוּן גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס אִיז עוֹסֵק אִין אוּנְזֶער תִּיקוּן.

זָארְג פַאר דַיין וַוייבּ, לָאז אִיר נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר; זָארְג זִי זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין יוֹם טוֹב. אוֹיבּ אִירֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אִיר אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב שִׁינְדְן דִי

הוֹיט - זָאלְסְטוּ זָארְגְן פַאר אִיר אַ צְוֵוייטֶע פְלַאץ; זֶע זִי זָאל זַיין גוּט בַּאקְוֶועם.

טוּ אַ טוֹבָה פַאר דַיין נְשָׁמָה, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין עָתִיד, לֵייג דִיר אַוֶועק עֶפֶּעס פַאר דִיר; נֶעם אַ בְּלַאט גְמָרָא, לֶערְן אַבִּיסְל גְמָרָא, זָאג אַבִּיסְל גְמָרָא - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן; נָאר דָאס.

עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט אַלֶעס פוּן אוּנְז אַוֶועק נֶעמֶען, מֶען וֶועט בְּלַייבְּן אֵיין גְרוֹיסֶער חוֹזֶק. מֶען וֶועט לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אָן קְלֵיידֶער, מֶען וֶועט אוּנְז צוּדֶעקְן מִיט אַ לַיילֶעךְ, אוּן נָאר דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בְּלֶעטֶער תִּיקוּנִים - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אוּנְז.

וואוּ גֵייסְטוּ? וואוּ לוֹיפְסְטוּ? גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אַ תְּפִלָּה, לֶערְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים. מֶען קֶען מִיטְהַאלְטְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין מָאנְרָא, מָאנְסִי, לִיבֶּערְטִי, לֶעיקְוָואד; בִּינְד זִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְנִיפּ צוּם רֶבִּי'ן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר כִּמְעַט צֶען שָׁעָה אִין אֵיין צִי, פוּן פִיר נָאכְמִיטָאג בִּיז נָאךְ חֲצוֹת הַלַּיְלָה. מִיר הָאבְּן אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר רוּקְן זִיךְ פָארְאוֹיס מִיט דִי קְהִילָה, מִיט דִי מוֹסְדוֹת. מִיר וָואלְטְן וֶוען גֶעקֶענְט נוּצְן נָאךְ הִילְף, מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע פָארְשְׁרִיט אִין דִי קְהִילָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מִיטְאַרְבֶּעטְן מִיט דִי חַבְרֵי הַהַנְהָלָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי דַארְפְן נָאךְ צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זָאלְן הֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל מִיטְ׳ן זִיךְ נָאנְט הַאלְטְן מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאאַמְטֶע.

פַאר דִי אֶמֶת קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, ווייל אַז מֶען נֶעמְט אִינְגֶעלַייט זָאלְן פַארְטְרֶעטְן דִי קְהִילָה בַּיי דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאאַמְטֶע - דַארְפְן מִיר נֶעמֶען אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסֶע אִיז ׳פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳; אוֹיב הָאבְּן זֵיי אַנְדֶערֶע אִינְטֶערֶעסְן - אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה. פַאר זִיךְ בְּלַייבְּן זֵיי פֵיינֶע אִינְגֶעלַייט, אָבֶער מִיר קֶענֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין פָאן טְרֶעגֶערְס.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה דַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ טְרָאסְט אִין דִיר אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דַיינֶע קְשָׁרִים פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קְהִילָה, אוּן אַלֶעס דוּרְכְרֶעדְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה.

נָאךְ אַ זַאךְ ווִיל אִיךְ קְלָאר שְׁטֶעלְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה - דֶער אִיז מִיר גֶעטְרֵיי, אוּן דֶער וָואס זוּכְט זֵיי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן אוּן בַּארֶעדְן - אִיז מִיר נִישְׁט גֶעטְרֵיי; אֲפִילוּ עֶר זָאגְט פַאר יֶעדְן: ״אִיךְ פָאלְג נָאר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה״, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶר אִיז נָאנְט - אִיז עֶר מִיר נִישְׁט גֶעטְרֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען דַארְף הָאבְּן פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן כִּמְעַט צֶען שָׁעָה בְּלִי הֶפְסֵק מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה;

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן. זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי דַארְפְן נָאךְ צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט; גֶעטְרֵיי פַאר דִי מוֹסָד, גֶעטְרֵיי פַאר דִי קְהִילָה; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט פוּן דִיר.

ווִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי הַנְהָלָה אוּן זֵיי הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל.

לָאז מִיר ווִיסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווִי מֶער אִינְגֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן אַן אַמְט אִין דִי קְהִילָה אָדֶער מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ עֶר שִׁיקְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי חִיזוּק יוֹמִי - זָאלְסְטוּ צוּרִיקְנֶעמֶען דִי נוּמֶער, אוּן אָדֶער דוּ זָאלְסְט עֶס שִׁיקְן אָדֶער וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל דָאס אַרוֹיסְשִׁיקְן.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט גֶעוָואלְט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן ... זָאל הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט הַפָּצָה - וֶועט עֶס אִים אַלֵיינְס הֶעלְפְן. וַוייל אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן וֶועסְטוּ זֶען, אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט הַפָּצָה בְּלַייבְּן וַוארֶעם צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם רֶבִּי'ן. אִיךְ זוּךְ אַלְץ ווִי מֶער אִינְגֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן אַן אַמְט אִין דִי קְהִילָה אָדֶער מוֹסָד, בִּבְחִינַת (סַנְהֶדְרִין יז.): "הַטֵּל עֲלֵיהֶן צָרְכֵי צִיבּוּר וְהֵן כָּלִין מֵאֲלֵיהֶן", זָאגְן צַדִּיקִים, אַז מֶען טוּט צָרְכֵי צִיבּוּר, מֶען אִיז עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵן כָּלִין מֵאֲלֵיהֶן, וֶוערְט מֶען אוֹיס, מֶען וֶוערְט בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וֶוערְט בָּטֵל וּמְבוּטָל.

אָבֶער אַז עֶר טוּט עֶס נִישְׁט בִּשְׁלֵמוּת - נֶעם עֶס צוּרִיק, דִי חִיזוּק יוֹמִי אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל; הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם טֶעגְלִיךְ, זֵיי דַארְפְן דָאס וְוִי לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד, זַיי עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה דַיין גַאנְץ לֶעבְן. נֶעם דִיר אַ שׁוּתָּף ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן גֵייט אִינְאֵיינֶעם צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאלְסְט מַאכְן פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר וָואס מִיר זֶענֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, קוּמֶענְדִיגֶע שַׁבָּת וֶועלְן מִיר שׁוֹין זַיין בְּעֶזֶר הַשֵּׁם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, דִי שַׁבָּת זָאל זַיין אַן אוֹיסְנַאם שַׁבָּת, אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שַׁבָּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין יֶעצְט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וְויל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן פַארְטְרַייבְּן פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ פַאל אַלְץ צוּרִיק אַרַיין אִין אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע מוּט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ; בִּפְרַט שַׁבָּת זָאל אִיךְ נִישְׁט הָאבְן קַיין פִּינְטֶעלֶע מָרָה שְׁחוֹרָה״.

קוּם אִין שׁוּל שַׁבָּת צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת, הַאלְט דַיינֶע קִינְדֶער נֶעבְן דִיר. רֶעד נִישְׁט אִין שׁוּל, שְׁמוּעֶס נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת. אַז דוּ וְוִילְסְט אִיבֶּערְגֵיין בַּיי

דִי סְעוּדָה דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מֶען שִׁיקְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן סְקוּל - זָאל דָאס זַיין מִיט חָכְמָה, נִישְׁט מִיט טִפְּשׁוּת. מַאךְ נִישְׁט קַיין 'בְּחִינָה פֶּמְבִּי' פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, לָאז דָאס פַאר דִי יְשִׁיבוֹת לִמְצוּיָנִים; אַז דוּ ווילְסְט פַארְהֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער - אִיז דָאס פְּרִיוָואט, קֵיינֶער בַּיים טִישׁ דַארְף נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן אוֹיב עֶר וֵוייסְט דִי עֶנְטְפֶערְס אָדֶער נִישְׁט. אִיךְ פִיר זִיךְ, אִיךְ גֵיי אִיבֶּער דִי שְׁאֵלוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט דִי תְּשׁוּבוֹת; אִיךְ וַוארְט אֵיין סְקוּנְדֶע דָאס קִינְד זָאל זָאגְן, אוּן נָאךְ אַ סְקוּנְדֶע זָאג אִיךְ שֵׁיין הוֹיךְ דִי עֶנְטְפֶערְס; אַ שַׁבָּת סְעוּדָה אִיז נִישְׁט קַיין פַארְהֶער.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג - אָדֶער לֵייגְסְטוּ זִיךְ אַרָאפּ אוּן דוּ לֵייגְסְט אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן, אָדֶער בְּלַייבְּסְטוּ אוֹיף מִיט זֵיי; לָאז נִישְׁט שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס אָן קַיין הַשְׁגָחָה, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין קְדוּשָׁה פַּאסִירְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיי לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאגְס אוּן לַאנְגֶע פְרַייטָאגְס וד"ל.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת גֵייעֶן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת; בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען זָאגְט בַּיי חֲצוֹת. אִין יְשִׁיבָה וֶועט זַיין אַ מִנְיָן, מֶען קוּמְט מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַזַא הֶערְלִיכֶע גָארְטְן הָאט אִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וְהָיִיתָ רַק לְמַעְלָה [כִּי תָבוֹא], כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער חָבֵר הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה צוּ דִי בַּר מִצְוָה פוּן דַיין טֵייעֶרֶער זוּן, דַיין בֶּן זְקוּנִים, וִוי דֶער תַּרְגוּם זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לז, ג): "בַּר חַכִּים הוּא לֵהּ", כָּל מַה שֶׁלָּמַד מִשֵּׁם וָעֵבֶר מָסַר לוֹ, כְּמַר ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע עֶלְטֶערְן, סַיי אִין דַיינֶע וֶועגְן, ווִי דוּ הָאסְט זִיךְ דַיין לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַּאר מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה בִּיסְטוּ מַדְפִּיס צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, אוּן אִין דִי וֶועג פוּן דַיין טַאטֶע, הָרַב הַחָסִיד ר' ... שְׁלִיטָ"א, אוּן דֶער עֶלְטֶער זֵיידֶע הָרַב הֶחָסִיד הַצַּדִיק ר' ... זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

דוּ מִיט דַיין אֵשֶׁת חַיִל תִּחְיֶ' זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף עֶנְקֶער גָארְטְן שְׁטֵייט אוּן שְׁטוֹינְט, אַ הֶערְלִיכֶע גָארְטְן, אַלֶע קִינְדֶער יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, אַלֶע זֶענֶען עוֹסֵק אִין לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד, לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מִדוֹת טוֹבוֹת עַל דֶּרֶךְ רַבּוֹתֵינוּ.

אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, וואוּנְטְשְׁט דַיין חָבֵר:

...

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין שִׂמְחָה.

...

### טַעֲנָה'ען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶער חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זָאגְן סְלִיחוֹת, מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִינֶעם פִּיּוּט: "בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךְ תְּחִלָּה". גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טַעֲנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מֶען דַארְף מְלִיצֵי יוֹשֶׁר זָאלְן רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אִין דִי גְמָרָא, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:): "אַשְׁכְּחֵיהּ רַבָּה בַּר שִׁילָא לְאֵלִיָּהוּ", רַבָּה הָאט בַּאגֶעגְנְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, "אָמַר לֵיהּ", עֶר פְרֶעגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מַאי קָא עָבֵיד הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעצְט? עֶנְטְפֶערְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "קָאָמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמַיְהוּ דְּכוּלְּהוּ רַבָּנָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט נָאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, "וּמִפּוּמֵיהּ דְּרַבִּי מֵאִיר לֹא קָאָמַר", אוֹיסֶער פוּן רֶבִּי מֵאִיר, פְרֶעגְט אִים רַבָּה: "אַמַּאי", פַארְוָואס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט נָאךְ פוּן רֶבִּי מֵאִיר? זָאגְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מִשּׁוּם דְּקָא גְּמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמֵיהּ דְּאַחֵר", וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּיי אַן אַפִּיקוֹרֶס, פְרֶעגְט רַבָּה: "אַמַּאי, רֶבִּי מֵאִיר רִמּוֹן מָצָא, תּוֹכוֹ אָכַל קְלִפָּתוֹ זָרַק", וָואס אִיז רֶבִּי מֵאִיר שְׁלֶעכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען פוּן זַיין רֶבִּי דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט גֶענוּמֶען נָאר דָאס גוּטְס; אַזוֹי וִוי אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ מִילְגְרוֹים, עֶר עֶסְט אוֹיף דִי זַאפְטִיגֶע קֶערְלֶעךְ אוּן דִי שָׁאלַאכְטְס וַוארְפְט עֶר אַוֶועק, אַזוֹי הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעטוּן! זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פַאר רַבָּה: "הַשְׁתָּא קָאָמַר", אִיךְ הֶער יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי מֵאִיר.

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר, וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט, אוֹיבְן אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן "תּוֹכוֹ אָכַל, קְלִפָּתוֹ זָרַק"? מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבְן אִין הִימְל אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט נָאר גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן זַיין רֶבִּי? וָואס הָאט דָא רַבָּה מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אַז פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט?! נָאר וָואס דֶען, דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טַעְנָה'ען פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי וִוי רַבָּה טַעֲנָה'עט פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַז רֶבִּי מֵאִיר אִיז גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס - הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט.

דָאס דַארְפְן מִיר טוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן בִּפְרַט אִין דִי טֶעג וָואס מֶען מִשְׁפָּט דִי וֶועלְט, מִיר דַארְפְן טַעְנָה'עָן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס פַּאסִירְט אִין הִימְל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִידִישֶׁע קִינְדֶער

זֶענֶען זֵייעֶר וואוּיל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַ הֵיילִיג פָאלְק; הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז"; מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען בְּרֶענְגְט רַחֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ עֶנְק; אִיךְ וַוארְט שׁוֹין עֶנְק צוּ זֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. אִיךְ וִויל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן, מִיר קוּמֶען קַיין אוּמַאן, זָאלְסְט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט טַעְנָה'ן, בִּפְרַט מִיט דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אוּן זֵיי זוּכְן צוּ מַאכְן פֵּירוּד לְבָבוֹת, מַחֲלֹקֶת וְכוּ'; טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דִי עַזּוּת פְּנִימְ'עֶר וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת, שְׁפֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, שְׁפֶּעטְן פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז שְׁווַייגְן, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז תַּכְלִית. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען זַיין אַ גוֹסֵס, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען זִיךְ מוּזְן שֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט; דֶעמָאלְט וֶועט אַפִּיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט

אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט׳, אָבֶער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

לָאמִיר חַזֶר׳ן אַ שְׁטִיקְל צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת טו) : "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט גוּט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ הָאבְּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" צוּ גְלֵייבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) אַז וֶוען מֶען הָאט "אֱמוּנַת חֲכָמִים" דַאן ווֵייסְט מֶען וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן, מֶען ווֵייסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין "אֱמוּנַת חֲכָמִים" צוּ גְלֵייבְּן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אוּן מְקַיֵּים זַיין אִין פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט. דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ"ג).

וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג "אֱמוּנַת חֲכָמִים", אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אוּן רֶבִּי׳ן אוּן פָּאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין יֶעדְן מַצָּב, אִיר וֶועט שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס אֲפִילוּ זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן, אוּן זִיכֶער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן אַנְדֶערֶע. סְפֶּעצִיעֶל אִינֶעם לֶעצְטְן דוֹר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט דַאן זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אַזוֹי סַאךְ ווִי דִי בְּלֶעטֶער פוּן בּוֹים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אֲפִילוּ מִיט דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אוּנְז צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג ? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַּאֲוָה אוּן מֶען

הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִיק. עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן אַלֶע תִּקוּנִים אוּן פַארֶעכְטְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיר זָאלְט פָארְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיר זָאלְט זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק. דֶער רֶבִּי אִיז דֶער אָרוֹן וָואס דָארְט לִיגְט דִי לוּחוֹת, אוּן בַּיי דִי אָרוֹן הָאט דֶער אָרוֹן אַלֵיין גֶעטְרָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְן אִיר גֶעטְרָאגְן, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי טוּט אַלֶעס אַלֵיין.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר גֵיין צוּם רֶבִּי׳נְס צִיוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער אִיר זָאלְט נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין דָארְט אַ פִירֶער, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פַּארְטֵייעֶן, אִין קַיין שׁוּם גְרוּפֶּעס, נָאר אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן מִיטְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מִמֵילָא וֶוען מֶען וִויל זַיין אֱמֶת׳דִיג מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִיז דָאס נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דַאן וֶועט אִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין״.

אִיךְ הָאף אַייךְ אַלֶע צוּ זֶען אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען מֶעג דַאוֶונֶען אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אַ גוּטֶע וָואךְ.**

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין צוּ סְלִיחוֹת; מִיר אַשְׁכְּנַז׳יִשֶׁע אִידְן הוֹיבְּן אָן זָאגְן סְלִיחוֹת זוּנְטָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי סְפַרְדִי׳שֶׁע אִידְן זָאגְן שׁוֹין סְלִיחוֹת פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה, מֶען קוּמְט מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת.

בִּשְׁעַת׳ן זָאגְן סְלִיחוֹת זָאלְסְטוּ אַרַיינְפְלֶעכְטְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת אוּן אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת, מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען. דִי וָואס פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען – אוֹיבּ דָאס אִיז אַ הֶפְסֵק – דַארְפְן פְרֶעגְן דִי פְרַאגֶע אַנְדֶערְשׁ, פְרֶעג אוֹיבּ מֶען מֶעג דַאוֶונֶען אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען; אַוַדַאי מֶעג מֶען דַאוֶונֶען אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן קיט, סְעִיף א).

בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ. גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר. בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טַעֲנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס – וָוארְט עֶר אַז מִיר זָאלְן בֶּעטְן אוּן מִיר זָאלְן טַעֲנָה׳ן מִיט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:): "אַשְׁכְּחֵיהּ רַבָּה בַּר שִׁילָא לְאֵלִיָּהוּ", רַבָּה הָאט בַּאגֶעגְנְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, "אָמַר לֵיהּ", עֶר פְרֶעגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מַאי קָא עָבִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעצְט? עֶנְטְפֶערְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "קָאָמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמֵייהוּ דְכוּלְהוּ רַבָּנָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט נָאךְ

אויבְן אִין הִימְל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, ""וּמִפּוּמֵיה דְרַבִּי מֵאִיר לֹא קָאָמַר", אוֹיסֶער פוּן רֶבִּי מֵאִיר, פְרֶעגְט אִים רַבָּה: "אַמַאי", פַארְוָואס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט נָאךְ פוּן רֶבִּי מֵאִיר? זָאגְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מִשּׁוּם דְּקָא גָּמַר שְׁמַעְתָּא מִפּוּמֵיהּ דְּאַחֵר", וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּיי אַן אֶפִּיקוֹרֶס, פְרֶעגְט רַבָּה: "אַמַאי, רֶבִּי מֵאִיר רִמּוֹן מָצָא, תּוֹכוֹ אָכַל קְלִפָּתוֹ זָרַק", וָואס אִיז רֶבִּי מֵאִיר שְׁלֶעכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען פוּן זַיין רֶבִּי דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט גֶענוּמֶען נָאר דָאס גוּטְס, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ מִילְגְרוֹים, עֶר עֶסְט אוֹיף דִי זַאפְטִיגֶע קֶערְלֶעךְ, אוּן דִי שָׁאלַאכְטְס וַוארְפְט עֶר אַוֶועק, אַזוֹי הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעטוּן! זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פַאר רַבָּה: "הַשְׁתָּא קָאָמַר", אִיךְ הֶער יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי מֵאִיר.

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם לֵיל שִׁשִּׁי, וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט; אוֹיבְן אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן: "תּוֹכוֹ אָכַל, קְלִפָּתוֹ זָרַק", מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבְן אִין הִימְל אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט נָאר גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן זַיין רֶבִּי, וָואס הָאט דָא רַבָּה מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אַז פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוּישְׁט?! נָאר וָואס דֶען, דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טַעֲנָה'ֶען פַאר אַ צְוֵוייטֶע אִיד, אַזוֹי ווִי רַבָּה טַעֲנָה'ֶעט פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "רֶבִּי מֵאִיר אִיז גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס"; הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּישְׁט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי הַייזֶער אוּן בַּיי שׁוּל'ן אוּן מִיר דָאס בְּרֶענְגֶען אִין אוּמַאן; אִיךְ ווִיל זָאלְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אָבֶּער אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט צַאמְגֶענוּמֶען. אִיךְ וֶועל דָאס צַאמְנֶעמֶען אִין אוּמַאן בַּיים אָנְקוּמֶען; עֶס אִיז דָא נָאךְ אַפָּאר טֶעג, קֶענְסְט דָאס בַּאוַוייזְן; דִי צְדָקָה אִיז גָאר אַ ווִיכְטִיגֶע צְדָקָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד

דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט... "אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד!"

דֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן עֶפְנְט דִי טִיר פוּנֶעם צִימֶער, עֶר וְויל זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר וְויל שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר בְּלַייבְּט שְׁטֵיין! עֶר זֶעט עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ; דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן הֶערְט זִיךְ צוּ, עֶר וְויל הֶערְן, וָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? וָואס גֵייט פָּאר? "אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד", "אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד!" רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר, וָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי...? רֶבִּי נָתָן וַוארְט.

דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט רֶבִּי נָתָן שְׁטֵיין דָארְט. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, וָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי 'אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד'? דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי הֵיילִיג! אָט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, וָואס וֵויינְט יֶעצְט דֶער רֶבִּי 'אִיךְ וְויל זַיין אַ אִיד'"?!



"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד!!!"

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "מֶען דַארְף אַלְץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ אִיד, וַוייל וִויפִיל מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וִויסְן און צוּ פַארְשְׁטֵיין – אִיז דָאס נָאךְ גָארְנִישְׁט פוּנֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד!"



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com